# געהויבענער "יסודי התורה סיום" אפגעראכטן דורך "אהבת קדומים שיעור" בביהמ"ד הגדול דסאטמאר וויליאמסבורג

**שיעור נפלא פון הרה"ג ר' חיים אליעזר גראס שליט"א סגן ראה"ק**

וויליאמסבורג — א הערליכער סיום איז געפראוועט געווארן פארלאפענעם דאנערשטאג קרח נאכמיטאג, דורכ'ן טעגליכן שיעור וואס ווערט פארגעלערנט בביהמ"ד הגדול דסאטמאר, דורכ'ן מגי"ש נפלא הרה"ג ר' חיים אליעזר גראס שליט"א סגן ראה"ק דקהל יטב לב.

דער "אהבת קדומים" שיעור איז א מיוחדת במינה אין שטאט וויליאמסבורג, ווערנדיג פארגעלערנט אין די פריע נאכמיטאג שעות, ווען פילע חשוב'ע אידן זאמלען זיך צאם אויף א לענגערע קביעת עתים פון באלד צוויי שעה, וואו מ'לערנט דורך א רייע לימודים על הסדר, פארגעלערנט בטוב טעם ודעת וקולע אל השערה דורכ'ן חשוב'ן מגי"ש הר"ר חיים אליעזר שליט"א.

דורכאויס דעם שיעור לערנט מען דעם שיעור משניות פון חברי "אהבת קדומים", דריי משנה'ס א טאג, דערנאך איז א מוסר שיעור, בספה"ק חובת הלבבות, דערנאך איז דער הערליכער שיעור אין ראס פון חבורת "יסודי התורה", וואס מ'האט נארוואס מסיים געווען די קאמפליצירטע מסכת יבמות, און דערנאך לערנט מען הלכה, אין ספר משנה ברורה. דער יסודי התורה-שיעור פארמאגט די ספעציעלע מעלה, אז איידער'ן לערנען דעם פרישן עמוד, חזר'ט מען איבער דעם נעכטיגן, און אזוי טוט מען ריכטיג קונה זיין דעם עמוד.

דער סיום איז פארגעקומען טאקע באותו מקום וואו מ'לערנט דעם שיעור, אינעם "בית ריזל" אינעם בנין הילמאן, וואס איז יעדן טאג אקופירט דורך צענדליגער מקשיבים, בעה"ב חשובים וואס רייסן זיך אוועק פון די העפטיגע ארבעט שטונדן, אדער אירן וואס האבן זיך שוין צוריקגעצויגן פון דער ארבעט, און זענען מקדיש די געבענטשטע טעג אויף דביקות התורה.

נאכ'ן זיך וואשן און די מאכלים זענען געווארן אויפגעגעבן כיד המלך, האט הר"ר חיים אליעזר שליט"א געמאכט דעם הדרן און דערנאך משמיע געווען הערליכע מילי מעלייתא לכבוד המאורע, מיט טרעפליכע שילובים צום פרשת השבוע, ספעציעל מיט'ן דערמאנען און געבויט אויפ'ן רמז וואס כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א האט געזאגט ביים גרויסן סיום אין וויליאמסבורג זונטאג פריצה אז מסכת יבמות ענדיגט זיך מיט'ן פסוק וכל בניך לימודי ה' ורב שלום בניך, "שלום בניך" איז גימטריא "יבמות".

דערנאך האט מען געהערט די' דברים נחמדים פון ר' חיים אליעזר'ס חשוב'ער זון, הרה"ג ר' בצלאל גראס שליט"א, וועלכער האט פאסיג ארויסגעברענגט די שמחת התורה אז מ'האט זוכה געווען מסיים צו זיין אזא שווערע מסכת, וואס מ'האט געלערנט בדיבוק חברים אונטער אזא געהויבענעם קביעת עתים.

פאסיגע דיבורים האט מען דאן געהערט פון הרה"ג רבי פנחס כף שליט"א, וועלכער האט שיין ארויסגעברענגט דאס חשיבות פון לימוד תורה ברבים, און די השפעות וואס א סיום ברענגט אויף ווייטער, מ'זאל ממשיך זיין ביתר שאת ועז.

דיבורים נלהבים האט מען געהערט פונעם נקי הדעת שבירושלים הרה"ח ר' אלטר קויפמאן שליט"א מנהל מוסר הק' "חכמת לב", וועלכער האט הערליך ארומגערעדט איבער'ן סיום, און ממשיך געווען מיט שיינע סיפורים פון פריערדיגע צדיקים אנבאלאנגט לימוד התורה.

גייסטרייכע מאמענטן איז געווען בשעת די דרשה פונעם חשוב'ן גאסט פון פלעטבוש, דער חשוב'ער מזכה את הרבים, הרב עזרא קליין שליט"א, יו"ר ומנהל חבורת "אגרא דפרקא", וואס שטעלט איין און מוטיגט לימוד התורה לבעה"ב אינמיטן טאג, אנפירנדיג מיט א "כולל לבעלי בתים" וואס איז צעשפרייט אין מערערע מקומות איבער דער גאנצער וועלט.

מיט א לשון לימודים האט ער ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון קובע זיין א שיעור אינמיטן טאג, וואס מיט דעם איז מקדש דעם גאנצן טאג, און אלעס גייט צו אויף א העכערע בחינה אז מ'איז אנגעזאפט מיט קדושת התורה. ער האט שטארק אויסגערימט דעם דאזיגן שיעור וואס מ'טרעפט נישט אזאנס אין גאנץ וויליאמסבורג, אזא הערליכער ציבור זאל זיך צאמקומען אויף א לענגערער שיעור אינמיטן טאג, און מ'לערנט מיט אזא פרישקייט און חיות דקדושה.

נאכ'ן בענטשן האט זיך דער ציבור געשיידט מיט רגשי שמחה אז מ'האט זוכה געווען מיטצולעבן אזא שיינע מאורע לכבודה של תורה.

יומא טבא לרבנן.

בעזהשי"ת
נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים אנו להזמין ולקרוא בקריאה של חיבה
את קרובינו וידידינו לבוא ולהשתתף בשמחתינו
יום כלולת צאצאינו היקרים שיחיו ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש כמר מרדכי נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה מרת אסתר תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר ימה טבו אהליך יעקב' וכלקו
י"ד תמוז שנת יבנה בית חדשי' תשפ"א לפ"ק
(ולמספרם JUNE 24)

קבלת פנים בשעה 7:00 והחופה בשעה 8:00

באולם בית רחל פאראדייס
5 Israel Zupnick Road, Monroe, NY

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבינו גם אנו בלי"נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
פנחס אליעזר פריעדמאן ורעיתו
מאנטריאל יצ"ו

הורי הכלה
שלום יוסף שאפפער ורעיתו
קרית יואל יצ"ו

מכתבי תורה אין אנו שולחים ולהופעתכם אנו מחכים